# פרשת שלח כ׳ – כ״ו סיון תשפ״ב לפ״ק

***יום ראשון פרשת שלח***

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט״א** אצל החומש סעודה לילדי התלמוד תורה במאנסי, שהתקיים בהיכל בית מדרשנו תפארת יהושע. המנהל הרב **יעקב יחזקי׳ אבערלענדער** שליט״א פתח את המסיבה. אחר דרשת **הרה״ג דומ״ץ דקהלתנו במאנסי שליט״א**, השמיע **רבינו שליט״א** מדברות קדשו. בסיום המעמד עברו הילדים לקבל תהלים מידו של **רבינו שליט״א**.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**אין** הייליגע ספרים שטייט די וואך א רמז, ראשית עריסותיכם חלה תרימו תרומה (במדבר טו-כ). פון ראשית עריסותיכם דארף מען מפריש זיין פארן אייבערשטען חלה. א בעטל פון א קינד ווערט אנגערופן אן עריסה, תינוק המוטל בעריסה (ברכות מז:). ראשית עריסותיכם, פון ווען א קינד איז נאך קליין, ער איז נאך אינעם בעט, איז דא דריי מצות וואס מען איז מחנך א קינד, וואס איז מרומז אין דאס ווארט ׳חלה׳. ח׳ דאס איז דער אכטער טאג וואס מען מל׳ט דאס קינד. ל׳ דאס איז די דרייסיג טאג וואס מען איז פודה דאס קינד. און דער ה׳ דאס איז בן חמש למקרא. דאס איז דער ראשית עריסותיכם, וואס א יוד איז מפריש חלה פארן אייבערשטען. - אבער עס איז נישט גענוג חלה אליין, און דא שטעלט זיך עס אפ. נאר תרימו תרומה, פון דארט דארף מען זיך הייבן, און גיין נאך העכער און נאך העכער, מגדל צו זיין די קינדער אויסצוואקסן תלמידי חכמים.

**די** תלמוד תורה לייגט אריין אסאך כוחות אין די קינדער, אויסצולערנען די א׳ ב׳, עברי, חומש, גמרא, ווי דער סדר איז וואס מען לערנט מיט די קינדער. דער חינוך פון קינדער איז נישט נאר אין די תלמוד תורה, **חינוך איז אין שטוב! טאטע און מאמע זיי זענען די מחנכים פונעם קינד.** די תלמוד תורה קען נאר צוגעבן צו דעם וואס די קינדער באקומען אין שטוב. דער מלמד איז געשטעלט צו לערנען תורה, אבער מען טאר נישט פארגעסן, אז דער חינוך דאס איז אינדערהיים. אסאך מאלווארפט מען אראפ פון זיך דעם עול פונעם חינוך, איך שיק אים אין א גוטע תלמוד תורה, א פיינער מנהל, א פיינער רבי, איך טוה פאר די קינדער וואס מען דארף. דאס איז אבער נישט ריכטיג. ווייל דאס וואס מען איז נישט מחנך אין שטוב, דאס פעלט פאר דעם קינד אויף שפעטער. מען זעהט א קלאס פון דרייסיג קינדער, זיי האבן דעם זעלבן רבי, און זיי האבן אלע געלערנט די זעלבע, און עס גייען ארויס דרייסיג ערליי קינדער! ווייל אלעס איז תלוי וואס די שטוב איז, און וואס עס איז דער חינוך וואס די עלטערן האבן אריינגעגעבן.

*

**מען** געפונט די פאריגע וואך אין די פרשה, ביי די מצוה פון הדלקת המנורה, בהעלותך את הנרות אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות (במדבר ח-ב). דער מיטלסטער חלק פון די מנורה, דאס ווערט אנגערופן די פני מנורה, דאס איז דער עצם המנורה. די איבריגע רערן דאס זענען די קני המנורה. און די פתילות פון די קני המנורה האבן זיך געבויגן אל מול פני המנורה, צו די מיטלסטע חלק פון די מנורה. אין הייליגע ספרים שטייט, די מנורה דאס זענען די עלטערן פון די שטוב. די קני המנורה דאס זענען זייערע קינדער, וואס קומען ארויס פון די מנורה. אל מול פני המנורה, דער נר המערבי, דאס איז דער משפיע פאר אלע אנדערע, ממנו היה מדליק ובה היה מסיים, פון דארט האט מען אנגעצינדן די איבריגע.

**זאגט** די תורה הק׳, זאלסט וויסן, בהעלותך את הנרות, ווען דו ווילסט אנצינדן דיינע נרות, דו ווילסט אנצינדן דעם נר מצוה ותורה אור, דו ווילסט אז דיינע קינדער די נר ה׳ נשמת אדם זאלן לייכטן, זאלסטו געדענקן אז די קינדער קוקן ארויף אויף די עלטערן, זיי זענען שטענדיג געבויגן אל מול פני המנורה, ווי אזוי מיין טאטע זעהט אויס, ווי אזוי די שטוב פירט זיך, אויף דעם וועג יאירו שבעת הנרות, לייכטן די נרות. **אז די שטוב איז גוט, די שטוב איז אן ערליכע שטוב, לייכטן די קינדער! און אז אין שטוב איז דא א נאכגעלאזטקייט, אן התרשלות, דערקענט זיך עס אין די נרות. זיי קענען נישט אזוי שיין לייכטן, ווי עס וואלט געדארפט זיין.**

**דאס** איז א חיוב צו געדענקען, אז דער פלאץ פון חינוך איז אין שטוב! טאטע און מאמע דארפן

אריינגעבן אסאך ווארימקייט אין די קינדער. מען האט נישט צופיל צייט, עלטערן זענען פארנומען א גאנצע וואך, אבער שבת קודש וואס מען איז פריי, מען זיצט א גאנצן טאג צוזאמען מיט די קינדער. **מען דארף יעדן ערב שבת, אדער אינמיטן די וואך, זיך פארקוקן וואס גיי איך געבן פאר מיין קינד דעם שבת. וואס פאר א מעשה וועל איך אים פארציילן, וואס פאר א מדה טובה קען איך איבערגעבן פאר מיין קינד, וואס פאר א דבר תורה קען איך זאגן, וואס וועט האבן א רושם אויף אים.** מען דארף זיין צוגעגרייט, מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת, מען קען נישט אריינפאלן אינעם שבת, און מען איז מחנך. אז מען גרייט זיך אבער צו פריער, פאר דעם, דעמאלטס קען מען אריינגעבן א ווארעמען חינוך אין די קינדער.

*

**איך** האב געוואלט מעורר זיין אויף א נקודה, וואס דער חשוב'ער מנהל האט פריער ארויסגעברענגט. עס קומט זומער, די קינדער גייען אהיים פון חדר, און **מען דארף אכט געבן אויף די קריאה פון די קינדער, זעהן זיי זאלן זיין רגיל, קענען געהעריג א' ב'.** איך זאג עס פון פראקטיק, איך קען יונגעלייט, איך קען בחורים, וואס קענען נישט קיין עברי, די עברי איז ביי זיי זייער שווער צו זאגן. ער קען אפילו זיין א תלמיד חכם, ער קען איבערזאגן פשוט די גמרא תוספות, אבער ליינען אינעווייניג וועט ער נישט קענען. און עס איז נישט איינס, און נישט צוויי. עס איז דא א גרויסער חלק וואס עס פעלט ביי זיי. דאס נעמט זיך פון דעם, ווייל מען האט אדורכגעלאזט די יונגע יארן, ווען מען האט אויסגעלערנט עברי. מען האט נישט געהעריג מדקדק געווען, אז די קינדער זאל קענען גוט עברי. דער גאנצער לעבן שפעטער, ווי אזוי מען זאל אויסוואקסן, איז תלוי ווי אזוי מען האט זיך אויסגעלערנט צו זאגן עברי. מען דארף לייגן דערויף א גרויסן דגוש, יעצט ווען מען האט געלערנט, זיי קענען עס, זאל מען דאס נישט לאזן נתרשל ווערן, מען זאל ווייטער חזר'ן מיט די קינדער, ביז זיי וועלן זיין רגיל דערין.

**און** אז מען זעהט, אין א יאר ארום, צוויי יאר ארום, דריי יאר ארום, ער נעמט דאס קינד, און ער זאגט נישט פליסיג עברי, זאל ער דעמאלטס קעי"ר נעמען פון דעם קינד. ער זאל עס נישט לאזן אויף שפעטער. ער וועט שוין גרעסער ווערן, ער וועט שוין אויסוואקסן, און ער וועט קענען, - ער וועט נישט קענען! ווייל א זאך וואס מען האט זיך נישט אויסגעלערנט, קען מען נישט. און די צייט דערפון איז די יוגענט. שפעטער שעמט מען זיך שוין, מען וויל שוין נישט גיין נאך הילף וכדומה, ער וועט שוין אפלעבן זיין לעבן אזוי ווי עס איז. עס איז זייער וויכטיג צו לערנען מיט די קינדער אז זיי זאלן קענען א' ב' פליסיג. און טאמער זעהט מען, אז מען זאגט אים ער זאל זאגן אין סידור, צו א קאפיטל תהלים, און ער זאגט עס נישט פליסיג, זאל מען תיכף אכט געבן דערויף, און זעהן נעמען איינעם וואס איז א מומחה דערצו, ער זאל אים אויסלערנען.

**מען** לעבט אין א שווערן דור, א דור וואס איז מלא נסיונות, נאר דער אייבערשטער ווייסט ווי אזוי מען וועט קענען ערציען די קינדער אין צען יאר ארום, אין צוואנציג יאר ארום, מיט אזעלכע נסיונות וואס מען האט היינט אויסצושטיין. אבער אונז דארף מיר טון וואס אונז קען מיר, **אונז דארף מיר אריינלייגן אסאך ווארעמקייט צו תורה און יראת שמים. שטענדיג ארויסהייבן אין שטוב די חשיבות פון א ערליכן יוד, די חשיבות פון תורה, די חשיבות פון זיך פירן ערליך, ווי שיין עס איז, וואס מיר זענען אן עם הנבחר פון אלע אנדערע פעלקער, אז מען הערט דאס טאג און נאכט פון עלטערן, לאזט דאס איבער א רושם דקדושה אויף די קינדער.**

**איך** וויל ארויסברענגען אן הכרת הטוב פארן מנהל רוחני. ער גיט אוועק אסאך כוחות און צייט פאר די תלמוד תורה, ב"ה עס איז עושה פירות, מען זעהט א געוואלדיגן התעלות אין די קינדער. דער חשוב'ער מנהל גשמי, ר' יוחנן זאל זיין געזונט, גיט אוועק אויסערגעוועהנליכע כוחות אלעס צוצושטעלן אז עס זאל גארנישט פעלן אין דעם מוסד. זאל זיי דער אייבערשטער באצאלן, זיי זאלן זעהן שמחות און נחת פון זייערע קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות. און מיר אלע אינאיינעם זאלן אקעגן גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבה לטובת הישיבה קטנה 'אוצר התורה' דקהלתנו הק' במאנסי, שהתקיים בבית הר"ר **משה פריימאן** הי"ו[א], ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**קודם** וויל איך זאגען א יישר כח פאר ר' מאיר מרדכי [בערקאוויטש], וואס האט זייער שיין גערעדט, דער באשעפער זאל דיר געבן ווייטער אויך שיינע דיבורים, מען זאל קענען שטענדיג זיין א מעשה לדבר מצוה. -

איך וויל מוסיף זיין אויף די ווערטער וואס מען האט פריער געהערט. איך בין די פאריגע וואך געווען ביי א חתונה, קומט צו מיר צו א יונגערמאן, און ער זאגט מיר, דאס קומענדיגע יאר שיק איך אריין מיין זון לערנען אין די ישיבה אין מאנסי. פרעג איך אים, וואו וואוינט איר. זאגט ער, איך וואוין אין מאנרא. פרעג איך אים, פון מאנרא ביז אהער האסטו נישט געטראפן א ישיבה וואו איינצושרייבן. זאגט ער מיר, א ישיבה האב איך געטראפן, אבער א רבי יוחנן [האגער, מנהל הישיבה] האב איך נישט געטראפן. עס דערקענט זיך די פירות פון די כוחות וואס מען לייגט אריין.

*

**מען** איז זיך צוזאמגעקומען מחזיק צו זיין תורה, איך האב געטראכט, רש"י זאגט די פאריגע וואך (במדבר ח-ב) פארוואס איז נסמך די פרשה פון די מנורה, צו די פרשה פון חנוכת המזבח. ווייל די נשיאים האבן געברענגט זייערע קרבנות צו די חנוכת המזבח, און אהרן האט נישט געהאט קיין חלק, לא הוא ולא שבטו, און חלשה דעתו. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, שלך גדלה משלהם, דו ביסט מדליק ומטיב את הנרות. אין יעדע זאך ליגט עפעס א רמז, א נקודה דערין.

**א** מענטש קען אמאל מיינען, אז דער חנוכת המזבח איז זייער א שיינע מצוה, און א שיינער ענין. מען איז מחנך א נייע מזבח, מען ברענגט קרבנות, א מזרק פון שלשים ומאה כסף, און שבעים כסף. אבער מדליק צו זיין יעדן טאג די מנורה, איז נישט אזוי חשוב ווי די התחלת המצוה. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, שלך גדולה משלהם, זיי האבן מחנך געווען זייער שיין. אבער דיר געב איך א מצוה וואס איז נישט קיין חינוך, דיר געב איך א מצוה וואס דו וועסט יעדן טאג אנצינדען די מנורה.

**און** דער חילוק צווישן די חנוכת המזבח און די מנורה איז. חנוכת המזבח איז א מצוה וואס מען טוט פאר זיך. 'ער' האט מחנך געווען, 'ער' האט געברענגט די ערשטע אויפן מזבח. אבער הדלקת המנורה ווייסט מען, אז דאס איז אנצוצינדען אנדערע, מדליק ומטיב את הנרות, נר ה' נשמת אדם, וואס מען דארף ארויסהעלפן א צווייטען יוד, ער זאל קענען שטייגען און אויסוואקסען ווי מען דארף. שלך גדולה משלהם, זיי האבן געטון א שיינע מצוה

---

[א] בתחלת המסיבה נשאל **רבינו שליט"א** על ידי אחד מהנוכחים על מנהגו לברך בתחלה על יין שרף ואחר כך על המזונות, ונענה **רבינו שליט"א** ואמר: אין קאמארנא טוט מען אזוי (עיין **בשלחן הטהור** סימן ריב סעיף י, **ובמעשה אורג** ברכות ו-ז). דאס איז דער עיקר, און די מזונות איז נאר א טפל שבטפלים. ווען מען עסט א שיעור קביעות איז א צווייטע זאך, אבער איך בין נאר טועם. [ועיין בספר **דברי יחזקאל** (מנהגים) עוד טעם בזה, משום דכתיב (תהלים עא-ח) ימלא פי תהלתך (עיין ברכות נא., **ובשו"ע** סימן קעג-ב), וכשאוכלין תחלה מזונות, נשארים פירורים בפה].

והוסיף **רבינו שליט"א**: עס האט מיר פארציילט מיין מחותן, דער **רב פון שומרי שבת**, זיי זענען טאהש'ער אייניקלעך, אז **רבי אלימלך טאהש'ער זצ"ל** איז געווען א קאמארנער חסיד, און ווען זיין רבי איז אוועק, איז ער געפארן קיין בלאזוב. ווען ער איז געווען ביים **בלאזוב'ער רב** האט מען געגעבן לחיים, און ער האט געמאכט א שהכל, און נאכדעם א מזונות. האט אים דער בלאזוב'ער רב געפרעגט, וואס איז דאס. האט ער געזאגט, מיין רבי דער קאמארנער האט זיך אזוי געפירט. האט אים דער בלאזוב'ער רב געזאגט, דער קאמארנער איז געווען א רבי, האט ער זיך געקענט אזוי פירן. אבער איר זענט א רב אין א שטאט, און פון אייך לערנט מען זיך אפ, איר דארפט טון אזוי ווי עס שטייט אין **שלחן ערוך** (או"ח סימן ריא), צו מאכן קודם א בורא מיני מזונות. זאגט ער, איך האב זיך אייביג אזוי געפירט ווי מיין רבי. האט אים דער בלאזוב'ער געזאגט, איך וויל איר זאלט מיר צוזאגען אז איר גייט טוישן פון וואס איר האט געטון. ער האט נישט געהאט א ברירה, האט ער אים צוגעזאגט.

ווען ער איז אהיימגעגאנגען, האט ער געוואלט ארויסנעמען א גמרא צו לערנען, איז אים ארויסגעפאלן דעם קאמארנער'ס ספר, און עס איז געווען אויפגעמישט דארט וואו ער שרייבט אז מען דארף מאכן קודם א שהכל. איז ער געווען זייער אין א פארלעגענהייט. האט ער געשריבן א בריוו פארן בלאזוב'ער רב, איך וויל פארציילען וואס איך האב געהאט, און זאגט מיר וואס איך זאל טון ווייטער. האט אים דער בלאזובער רב צוריקגעענטפערט, אויב עס איז אמת וואס איר פארציילט, זאלט איר טון ווייטער אזוי ווי איר האט געטון ביז יעצט.

פאר זיך, חנוכת המזבח. דו זאלסט וויסען אז מדליק זיין נרות פון די מנורה, אריינשיינען אין יודישע קינדער תורה און מצות, דאס איז גדולה משלהם, דאס איז גרעסער פון זייערס.

**פאר** א יאר איז מען זיך צוזאמגעקומען אז מען זאל קענען זיין א מדליק את המנורה, מען האט געהאלטן ביים אנהייב. יעצט קומט מען זיך צוזאם מטיב צו זיין די מנורה. די הדלקה איז שוין דא, מען דארף עס נאר מטיב זיין. דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל קענען האבן א חלק דערין צוצוהעלפן צו בויען תורה. מען לעבט אין אזא דור, וואס די נסיונות זענען אזוי גרויס, אונז האב מיר נישט קיין השגה וואס בחורים מוטשענען זיך היינט. זיי זענען באמת וואוילע בחורים, און מען מוטשעט זיך צו קענען זיין אביסל ערליך, און עס קומט אן ביטער שווער. און בחורים ווערן צובראכן, זיי זענען שברי כלים, רובם ככולם. איך רעד פון די גוטע בחורים, נישט פון די שוואכע, די שוואכע זענען נישט צובראכן, נאר דער גוטער בחור. און יעדן מקום תורה וואס מען שטעלט אויף, און מען שיינט אריין אין זיי, נאך תורה, און נאך יראת שמים, מען האט נישט קיין השגה וואס דאס מיינט אויפצושטעלן אזעלכע דורות. וואויל איז דעם וואס האט א חלק און א זכות דעריין. דער באשעפער זאל געבן אי"ה, אין דעם זכות וואס מען העלפט פאר אנדערע זאל מען קענען זעהן שמחות און נחת ביי די אייגענע קינדער. און מיר אלע זאלן זוכה זיין צו די ברכות פון תורה, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד.

**איך** וויל ארויסברענגען מיין הכרת הטוב פאר ר' משה [פריימאן]. ווען איך בין געקומען האב איך אים געזאגט, אז פאראיאר האט ער אויך געמאכט א מסיבה. איך פארשטיי אז די ערשטע מאל מען מאכט א מסיבה, מן הסתם האסטו נישט געקענט אפזאגן ווען מען האט דיר געבעטן, האסטו עס געמוזט מאכן. אבער אז דו מאכסט עס נאכאמאל, איז א סימן אז דו טוסט עס פון הארץ. זאל דיר דער אייבערשטער געבן אי"ה, אז דו זאלסט זעהן שמחות און נחת ביי אלע קינדער, און הצלחה אין אלע ענינים וואס מען טוט. און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **מנחם מארקאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** קבע מזוזה, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבני המשפחה.

לפנות ערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **שמואל ישעי' טענענבוים** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חיים מאיר שטיינער** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן רי"ח סעיף ב') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט אין רש"י די פאריגע וואך (במדבר ח-ב), ביי די מצוה פון הדלקת הנרות, אז אהרן האט געהאט חלישת הדעת, אז ער איז נישט געווען ביי חנוכת הנשיאים. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, שלך גדולה משלהם, דיינס איז גרעסער, שאתה מדליק ומטיב את הנרות, דיר געב איך די מצוה פון הדלקת המנורה און הטבת המנורה (תנחומא ה). די מפרשים שטעלן זיך אויף די אריכת הלשון, וואס איז טייטש שלך גדולה משלהם, מיט וואס איז דאס גרעסער פון זייערס.

**לכאורה** איז שווער א קשיא, פארוואס האט טאקע אהרן נישט געברענגט קיין קרבן צום חנוכת המזבח? עס קען טאקע זיין אז עס איז אים נישט איינגעפאלן צו ברענגען, און פאר די איבריגע נשיאים איז יא איינגעפאלן צו ברענגען. אבער נאכדעם וואס ער האט שוין געזעהן צוועלף טאג, אז מען איז מקריב איין טאג נאכן צווייטן, דער נשיא, און דער צווייטער נשיא, און דער דריטער נשיא, ווער האט געשטערט פאר שבט לוי צו ברענגען דעם דרייצן'טן טאג זייער קרבן.

**נאר** עס שטייט אין **רמב"ן** (במדבר ז-ב), אז די תורה רעכנט אויס די קרבנות פון די נשיאים, יעדן נשיא עקסטער פאר זיך. דעם צווייטן טאג, דער נשיא, און דער קרבן, און ער חזר'ט עס איבער דעם דריטן טאג, דעם פערטן טאג. זיבעציג פסוקים איז אויסגערעכנט ביי די קרבנות. געוועינליך שרייבט די תורה נאר בקיצור, די תורה וואלט געקענט שרייבן

איין פסוק. נחשון בן עמינדב'ס קרבן איז געווען אזוי און אזוי, און אזוי האבן געטון די איבריגע נשיאים.

**דער** רמב"ן זאגט, אז די תורה האט געוואלט חולק כבוד זיין, געבן כבוד פאר די נשיאים, האט מען געמאכט פון יעדן איינעם אן עקסטערן ענין. נישט דער האט געטון, און ער האט אויך געטון. נאר די תורה גיט פאר יעדן איינעם זיין כבוד, וועגן דעם רעכנט די תורה אויס יעדן שבט. - אמאל וויל מען מאכן א מי שברך פאר יענעם, און מען זאגט וגם דעם, וגם דעם. און אמאל מאכט מען אן עקסטערן מי שברך, דאס האט אן עקסטערע חשיבות. - די תורה האט נישט געמאכט איין מי שברך פאר אלע. א מי שברך פאר נחשון בן עמינדב, און נאכדעם צושרייבן פאר די איבריגע אויך. נאר יעדער באקומט זיין כבוד, אזוי זאגט דער רמב"ן.

**עס** ליגט דערין טיפערס. עס שטייט אין מדרש, אז פאר יעדן נשיא איז פון זיך אליין איינגעפאלן צו ברענגען דעם קרבן. און יעדער האט געהאט א עקסטערע כוונה, פארוואס ער האט פונקט געברענגט אז דער מזרק זאל זיין פון הונדערט און דרייסיג כסף, און די קערה זאל זיין פון זיבעציג, און דער כף זאל זיין פון עשרה. יעדער האט געהאט זיינע חשבונות, און זיינע כוונות וואס וועגן דעם האט ער עס געברענגט. יעדער שבט האט דאך אן אנדערן שער אויבן אין הימל, און ער האט געברענגט פאר זיינס. ווען מען קוקט אויסענווייניג, זענען אלע קרבנות די זעלבע. האדם יראה לעינים, א מענטש זעהט מיטן אויג, אלעס די זעלבע. אבער דער אייבערשטער וואס איז יראה ללבב, וואס ער קוקט אין הארץ פון דעם וואס האט געברענגט דעם קרבן, איז דער קרבן נישט די זעלבע ווי יענע קרבן. דער האט געהאט זיינע כוונות ווען ער האט געברענגט דעם קרבן, און דער צווייטער האט געהאט גאר אנדערע כוונות, און דער דריטער נאך אנדערע כוונות. און די כוונות פונעם קרבן, וואס דאס איז דער פנימיות פונעם קרבן, וואס דער אייבערשטער דארף נישט די אויסענווייניגסטע חיצונות פון ברענגען א קרבן, דער באשעפער האט געענוג בהמות, ער דארף נישט האבן די פאר בהמות וואס מען האט געברענגט צום חנוכת המזבח, איז דאך נאר די חשיבות די נדבת הלב וואס א מענטש איז מנדב צו ברענגען. און ווי אזוי מען האט מכוון געווען, דאס איז געווען ביי יעדן איינעם אנדערש.

**די** תורה קען נישט שרייבן, אז ער האט געברענגט א קרבן, און דער צווייטער האט אויך געברענגט די זעלבע, און דער דריטער האט אויך געברענגט די זעלבע, ווייל ביים אייבערשטען איז דאס נישט די זעלבע. ווייל דער האט געהאט זיינע כוונות, און דער האט געהאט זיינע כוונות, איז דאס נישט די זעלבע. די חשיבות פונעם קרבן איז, אז יעדער האט פון זיך אליין אויפגעפאסט דאס צו ברענגען פאר א קרבן ה'.

**פאר** אהרן און זיין שבט איז נישט איינגעפאלן צו ברענגען א קרבן, וועגן וואס פארא סיבות עס זאל זיין, ער האט נישט געהאט די כוונה. דער אייבערשטער האט אים געוואלט געבן די מצוה פון די מנורה, האט דער אייבערשטער אים נישט אריינגעגעבן די כוונה צו ברענגען א קרבן. ער זעהט אבער אז יעדער ברענגט א קרבן, ראובן ברענגט, שמעון ברענגט, יהודה ברענגט, און ער מיט זיין שבט שטייען דא אינדרויסן, און זיי ברענגען נישט. ער וואלט דאך אויך געקענט ברענגען. אז יענער ברענגט, ברענג איך אויך. ניין, אהרן הכהן איז ערליך. ער ברענגט נישט ווייל יענער ברענגט, ער ברענגט ווייל מען דארף צו ברענגען, און אויב מיר איז נישט איינגעפאלן צו ברענגען, נאר נאכצוטון, ווייל יענער ברענגט, ברענג איך אויך, דאס איז אן עבודה וואס איז פסולה, דאס איז א עבודה וואס איז נישט מיטן גאנצן הארץ. אין חיצוניות וועט אויסקוקן ווי איך האב געברענגט, אבער דער אייבערשטער וואס איז יראה ללבב, וועט וויסן אז איך האב נאר נאכגעטון וואס יענער האט געטון, דאס האט נישט קיין חשיבות ביים אייבערשטען, נאר ווען א מענטש טוט בלתי לה' לבדו, נאר פארן אייבערשטען.

**די** ראיה דערויף איז, דער כהן האט אנגעצינדן די מנורה, און פאר דעם האט ער געדארפט מטיב זיין די נרות. ער האט געדארפט אויסרייניגן דעם נר, און נאכדעם אריינלייגן דעם שמן מיט די פתילה און אזוי ווייטער. די הדלקת המנורה איז א מצוה, אבער עס איז נישט קיין עבודה, א זר קען אויך אנצינדן די מנורה. אבער די הטבת הנרות, דאס איז אן עבודה, דאס האט געדארפט זיין דוקא דורך א כהן אויסצורייניגן די מנורה (רמב"ם ה' ביאת מקדש ט-ז). אין אנדערע ווערטער,

וועקט אהרן הכהן האט מטיב געווען די נרות, און ער האט אנגעצינדן די מנורה. צו די הטבת הנרות האט ער געדארפט אנטון די שמונה בגדי כהונה, אבער אנצוצינדן די מנורה, האט ער נאר געדארפט אנטון זיין רעקל, ער האט נישט געדארפט האבן קיין בגדי כהונה, ווייל בעצם איז עס נישט קיין עבודה.

**פארוואס** איז די הטבת הנרות אזוי גרויס. ווייל הדלקת הנרות דאס ווייזט אויף נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג), אנצוצינדן די נר מצוה ותורה אור ביי יודען. ביז ווילאנג עס ליגט פניות אינעווייניג, עס איז דא עפעס פסולת אינעווייניג, איז די גאנצע הדלקה נישט ווערד. מען דארף ארויסנעמען יעדע פסולת וואס איז דא אין דעם נר, און ווען די מנורה איז ריין, דעמאלטס קען מען צינדן. אבער אז עס איז נישט ריין, עס איז דא דארט פסולת, איז געווען די עבודה פונעם כהן אויסצורייניגן, און דאס איז אן עבודה. אז א מענטש זאל קענען מדליק זיין נר מצוה ותורה אור, און עס זאל זיין ריין אן קיין שום פניות אינעווייניג, דאס איז די חשיבות.

**קומט** דאך אויס, אהרן הכהן וואס האט נישט געברענגט קיין חלק פאר חנוכת המזבח, ווייל ער האט נישט געהאט די ריינע כוונה. און נאכצומאכן יענעם, האט ער נישט געוואלט. ער איז צוגעפאסט צו די עבודה פון די מנורה, וואו מען דארף קודם מטיב זיין די נרות, און נאכדעם קען מען מאכן די הדלקה. ביים אייבערשטן איז געווען מער חשוב זיין נישט ברענגען, ווי ער וואלט ווען יא געברענגט. ווייל ווען ער ברענגט, ברענגט ער דאך נאר נאכצומאכן, און זיין נישט ברענגען, האט געוויזן זיין ערליכקייט.

**עס** איז געווען חלשה דעתו אז ער האט נישט געהאט קיין חלק אין די חנוכת המזבח. האט דער אייבערשטער געזאגט, דו האסט דאך אויך געקענט ברענגען, קיינער האט דיך נישט געשטערט פון ברענגען. ווען זיי ענדיגן, וועסטו ברענגען דיין קרבן. איז דאך טייטש, דו ווילסט נישט ברענגען א זאך וואס דו ביסט נישט דערביי. 'שלך', דיין נישט ברענגען, איז 'גדולה משלהם', איז גרעסער פון זייער יא ברענגען. דער שלך, וואס דו האסט נישט נאכגעמאכט, דו האסט נישט געקוקט אויף דעם בזיון אז יעדער האט געברענגט און איך שטיי פונדרויסן. נאר אויב עס איז נישט מיטן גאנצן הארץ, ברענג איך נישט. דאס איז גדולה משלהם, דאס איז גרעסער פון זיי. ווייל דו ביסט מדליק ו'מטיב' את הנרות, דו ביסט נישט נאר סתם א מדליק נרות, דו ביסט מטיב, דו נעמסט ארויס קודם יעדן פסולת, און נאכדעם ביסטו מדליק, דאס איז דער חשיבות פונעם קרבן פון אהרן.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של החתן **שמעון רובין** ני"ו, שהתקיים באולם בעלזא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן **הרה"ג רבי יעקב אהרן אויש שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק', חתן כ"ק האדמו"ר מסקאליע שליט"א), עב"ג בת **הרב חנוך העניך לאנדא שליט"א** (חתן מחותנו הגה"צ אב"ד שומרי שבת שליט"א), שהתקיים באולם סקאליע. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שני פרשת שלח</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **יעקב** ני"ו בן הר"ר **מרדכי דוד וויטריאל** הי"ו.

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אשר מרדכי לעפקאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה. - אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת הברית, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**עס** איז איינגעפירט אז ביי א ברית מילה זאגט מען ביים בענטשן די הרחמן'ס. מען גיט א ברכה פאר יעדן איינעם עקסטער. עס איז דא א ברכה פאר די עלטערן, עס איז דא א ברכה פארן קינד עקסטער, הרחמן הוא יברך רך הנימול לשמונה. פארן מוהל איז דא א עקסטערע הרחמן, און א עקסטערע ברכה פארן סנדק. ווען מען גיט די ברכה פאר די עלטערן זאגט מען, דער אייבערשטער זאל העלפן, ויזכו

לגדלו לחנכו ולחכמו, מען זאל קענען מחנך זיין דאס קינד, מיום השמיני והלאה ירצה דמו, ויהי ה' אלקיו עמו. מיום השמיני והלאה ירצה דמו, בפשטות די טייטש, גייט עס ארויף אויפן קינד. עס איז דא א מצוה פון מילה, הטפת דם ברית, די מצוה קען מען נישט מקיים זיין פאר די אכט טאג, נאר ביום השמיני ימול בשר ערלתו (ויקרא יב-ג). מיום השמיני והלאה, פונעם אכטן טאג און ווייטער, ירצה דמו, דעם דם וואס מען דארף אוועקגעבן פארן אייבערשטען, פון יום השמיני והלאה איז ירצה דמו, ויהי ה' אלקיו עמו.

**עס** איז דא א ווארט פונעם **מיטעלן בעלזער רב זי"ע**, אז לכאורה קומט דאס נישט אריין דא ביי דעם הרחמן וואס מען רעדט פון די עלטערן. ווען מען רעדט פון הרחמן הוא יברך רך הנימול לשמונה, ויהיו ידיו ולבו לא-ל אמונה, דעמאלטס זאגט מען, מיום השמיני והלאה ירצה דמו. פארוואס האט מען צוגעשטעלט מיום השמיני והלאה ירצה דמו, ווען מען גיט א ברכה אז די עלטערן זאלן זעהן נחת ביי דעם קינד.

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז, מען ווייסט אז די קדושה וואס א קינד האט, נעמט זיך פון ברית מילה. ווילאנג א קינד איז נישט גע'מל'ט, איז נישט שייך אז ער זאל זוכה זיין צו תורה. אזוי שטייט אין מדרש (תנחומא משפטים ה) מגיד דבריו ליעקב וגו', לא עשה כן לכל גוי, ומשפטים בל ידעום (תהלים קמז-יט), איינער וואס איז נימול אזוי ווי יעקב, ער קען פארשטיין תורה. אלע מסירת נפש וואס א יוד האט שפעטער זיין גאנץ לעבן, נעמט זיך פון די מצוה פון ברית מילה וואס מען האט אריינגעלייגט אין דעם קינד דאס ענין פון מסירת נפש, וואס א טאטע האט פארגאסן בלוט פונעם קינד פארן אייבערשטען.

**די** וואך איז די פרשה פון תרומה און חלה. פון יעדע זאך דארף א מענטש מפריש זיין א חלק פארן אייבערשטען. מען מאכט א טייג, איז ראשית עריסותיכם גיט ער פארן באשעפער (במדבר טו-כ). ווען מען שניידט תבואה, גיט ער תרומה און מעשרות. די ערשטע פירות וואס די פעלד הייבט אן צו וואקסען, גיט ער ביכורים. עס איז נישט נאר אז עס ווערט א קדושה אין די חלה וואס מען איז מפריש, צו אין די תרומה וואס מען איז מפריש, נאר די תרומה וואס מען האט אראפגענומען, די קדושה דערפון, דאס איז נאכדעם משלים אז אלע שיריים וואס בלייבט, איז א מתוקן'דיגע שיריים. ביז יעצט איז עס געווען טבל, טב לא, עס איז נישט געווען גוט, מען האט עס נישט געקענט עסן. און מיט דעם וואס מען האט אראפגענומען דעם חלק וואס מען דארף אראפצונעמען, איז מתוקן געווארן אלעס וואס איז געבליבן.

**די** זעלבע איז עלטערן, וואס זיי געבן די כח און די בלוט פונעם קינד, אזוי זאגט די גמרא (נדה לא.) אז עס איז דא שלשה שותפים באדם, די עלטערן לייגען אריין די דם פונעם קינד. און דעם בלוט פון א יוד, אז עס זאל זיין ערליך בלוט פארן אייבערשטען, איז תלוי אין ברית מילה. מיט דעם וואס מען האט אראפגענומען דעם חלק, הטפת דם ברית פארן אייבערשטען, דאס איז אזוי ווי דער חלק וואס מען נעמט אראפ לה', און נאכדעם ווערט די איבריגע נתקדש דורך דעם.

**ווען** מען זאגט מיום השמיני והלאה ירצה דמו, מיינט עס נישט צו זאגן אז די בלוט וואס מען פארגיסט ביי א ברית מילה, דאס איז מיום השמיני, פונעם אכטן טאג אן, קען מען מקיים זיין די מצוה פון מילה. נאר דער פשט איז, נאכדעם וואס מען האט גע'מל'ט דאס קינד, דאס בלוט וואס איז געבליבן אינעם קינד, איז ירצה דמו, ויהי ה' אלקיו עמו. ביום השמיני מל'ט מען דאך דאס קינד, ביז יעצט איז דיין בלוט נישט געווען בלוט מיט מסירת נפש, יודיש בלוט, תורה'דיגע בלוט. אבער מיום השמיני והלאה, נאכדעם וואס מען האט גע'מל'ט דאס קינד, ירצה דמו, די בלוט וואס איז דא אין דעם קינד, ווערט נרצה פארן אייבערשטען. ויהי ה' אלקיו עמו, אז דער אייבערשטער איז צוזאמען מיט אים.

**דאס** איז שוין א ברכה וואס איז נישט פארן קינד, נאר עס איז א ברכה פאר די עלטערן. ווען מען זאגט הרחמן הוא יברך אבי הילד ואמו, ויזכו לגדלו לחנכו ולחכמו, זיי זאלן קענען מחנך זיין דאס קינד. זאגט מען, דו האסט דאך אים גע'מל'ט, און מיום השמיני והלאה, פון דעם אכטן טאג און ווייטער, איז דאך ירצה דמו, דו האסט שוין צוגעגרייט דעם דם פונעם קינד, אז דאס קינד זאל קענען פארנעמען תורה מיט עבודה און מסירת נפש פארן אייבערשטען. ויהי ה' אלקיו עמו, איז מען מתפלל אז דער אייבערשטער זאל

קענען זיין מיט דאס קינד שטענדיג. עס איז נישט די ברכה וואס מען זאגט אויף די מילה פונעם קינד. עס איז א ברכה פאר די עלטערן, אז מען האט געמ'לט דאס קינד, איז נאכדעם די דם וואס איז דא אינעם קינד, דאס איז ירצה דמו, דאס איז פארן אייבערשטען.

*

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לקצירת חיטים למצות מצוה עבור חג הפסח שנת תשפ"ג הבעל"ט. לפני הקצירה ביאר **רבינו שליט"א** יסודות ההלכה בקצירת חיטים, שצריך שיהיו החיטים משומרים מדבר המחמיץ, ומהגשמים היורדים עליו כשאינו צריך לקרקע, ובדברים המסתעפים מדברי השו"ע והפוסקים, שצריכים להזהר בעת הקצירה. **רבינו שליט"א** בדק איכות החטים, וקצר במגל יד לשם מצות מצוה למשך זמן.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **מרדכי דוד וויטריאל** הי"ו, שהתקיים באולם גרענד טערעס.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **יצחק יעקב כייעם** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שלמה זאב לאנדוי** ז"ל, שהתקיים באולם לעגעסי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של החתן **הרב שמעון מנחם נחום פריעדמאן שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מסאדיגורא זצ"ל), עב"ג בת **הרה"ג רבי מאיר איתמר שוויד שליט"א** אב"ד חלקת יעקב, שהתקיים באולם עטרת אברהם. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

*

***<u>יום שלישי פרשת שלח</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לניו דזשערסי, להשתתף ולשאת דברים אצל המעמד הגדול המרומם '**כינוס כלל ישראל לנשים**', להתחזק ולהתעורר על סכנת הטעכנאלאגיע, שהתקיים בראשות גדולי אדמורי"ם ורבנים מנהיגי הקהלות, באולם פראדענטשע"ל סענטער.

אחר דרשת הגה"צ **רבי חיים יעקב רובין שליט"א** אב"ד ציעשנוב, ודרשת **הרב הגאון רבי אפרים וואקסמאן שליט"א** ר"י מאור יצחק, השמיע **רבינו שליט"א** משא המעמד.

**רבינו שליט"א** התחיל דבריו ברטט קודש על גודל חשיבות המעמד, שמתקבצים אלפים מבנות ישראל, להתחזק מפני פגעי הזמן. ומעמד כזה מכרזת ואומרת, 'מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ', אשר אין בכל אומה ולשון כינוס כזה, לקבל עול מלכות שמים, להתרומם לחיות חיי קדושה ופרישות, ללחום נגד זרם העולם הנושב בחוצות.

בדבריו הנרגשים, החוצבים להבות אש, ויורדים לחדרי בטן, פנה **רבינו שליט"א** בדיבורים מיוחדים לבנות ישראל קודם נישואיהם, בזהירות בעניני טעכנאלאגיע וצניעות במקומות העבודה. ובכלליות להתרחק מכלי הסמארטפא"ן, ולבקש שידוך מבית שנזהרים שלא להכניס שם אינטערנעט וסמארטפא"ן, וכך יבנו את ביתם בעתיד.

אחר כך המשיך אמריו לנשים צדקניות, בגודל המכשולות של הסמארטפא"ן וסאושע"ל מידי"א. ואלו המרבים להשתמש בכלים אלו, משתנים לחיות בעולם אחר, וחסר בביתם ההתקשרות והחביבות של אם על בנים. ומרגילים בזה את בניהם, שגם הם ישתמשו בכלים הללו ברבות הימים, ותוצאותיו מי ישורנה. - גם הסבתות שמסתובבים בכלים אלו בריש גלי, מקררים לב נכדיהם בזה. והרבה פעמים שואלים הנכדים, אם מותר להכנס בבית זקנם שיש שם סמארטפא"ן. ויש להתבונן מה מונח תחת שאלה כזו, ואיזה מבט יש להם על התנהגות זקניהם וזקנותיהם.

ובעצם הדבר, כשמפורסם דעת חכמי ישראל באיסור על כלים אלו, והילדים רואים שאבותיהם מתנהגים שלא כהוראתם – וזה נוגע גם בעניני צניעות השייטלען, כגון לע"ס שייטל, ושייטלעך ארוכות, שנאסרו מכל גדולי ישראל – הרי זה כאילו ההורים מכריזים ומפרסמים שביתם אינו נכנע לדעת תורה. וגורמים בזה שגם כשיש איזה בעיה בבית, ורוצים שהרב ישפיע על בניהם, אין הדיבורים מועילים עוד, שנתחנכו שדעת תורה אינו כלום.

**רבינו שליט"א** הביע בדבריו גודל מעלת אשה כשרה, שעומדת לעזור לבעלה ברוחניות ובגשמיות. וצריכים

לחזק תמיד זה את זה, להרים קרן הבית בכל מה דאפשר. ואינה צריכה למנוע עצמה מלעורר לב בעלה, שרוצה שכותלי ביתם יהיו נקיים מאינטערנעט וסמארטפא"ן, שלא יחריב בעתיד חינוך בניהם. – וגם אלו המועטים המוכרחים לזה לצורך פרנסתם, יש להם להשתמש רק בטאבלע"ט (עם פילטער), שיש בזה כמה מעלות יותר מההשתמשות בסמארטפא"ן.

**רבינו שליט"א** סיים את דבריו ברגש, שכל אחת ואחת תקבל על עצמה לשנות דרכיה ממה שהיתה רגילה עד עתה, טעמו וראו כי טוב ה', והבא ליטהר מסייעין אותו. ובזמן כזה להתפלל על דורותיהם שיזכו לגדלם בניקל, על דרך ישראל סבא. וטוב להתרגל להתפלל בכל יום ולומר לכל הפחות קאפיטל תהלים אחד על עתיד הדורות, ובזכות קבלות אלו נזכה לקבל פני משיח צדקנו אמן. (תוכן השיחה במילואו נדפס בקונטרס מיוחד).

אחר הכינוס חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן ש"ב **הרה"ג רבי חנני' מאיר פאללאק שליט"א** ראה"כ נתיבות עולם (בן גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי פנחס כ"ץ שליט"א** דומ"ץ סאטמאר (טרופ עוו.), שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד מצוה טאנץ לפני הכלה, אחר כך רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום רביעי פרשת שלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **דן** נ"ו בן הר"ר **יואל אלחנן גאלדבערגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

לפנות ערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של החתן **עזריאל יהודה** נ"ו בן הר"ר **פרץ חיים בוימהאפט** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **דוד ליזער** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת מרדכי.

אחר החופה השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **יצחק דייטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **דוד צבי ליסוער** הי"ו, שהתקיים בבית אביו הר"ר **משה יהושע ליסוער** הי"ו.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף אצל הבר מצוה של הבחור **אשר זעליג** נ"ו בן הר"ר **לוי יצחק קויפמאן** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **משה נפתלי טענענבוים** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **פנחס שלעזינגער** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת שלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **אשר זעליג** נ"ו בן הר"ר **לוי יצחק קויפמאן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **שלום לאנדא** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. בסוף השיעור אמר **רבינו שליט"א** דבר תורה על הפרשה, ובסופו אמר: דער תמצית הדברים איז, ווי אזוי מען דארף אכט געבן אויפן כבוד פון א מענטש. אז מען טאר נישט רעדן אויף א האלץ, איז א כל שכן אז מען דארף אכט געבן אויפן כבוד פון א צווייטען. ורשעים הללו ראו ולא לקחו מוסר, די רשעים האבן געזעהן, און זיי האבן זיך נישט אראפגעלערנט א מוסר. די תורה האט מסמיך געווען, אז די מרגלים וואלטן זיך געדארפט אראפלערנען נישט צו רעדן אפילו אויף א האלץ.

**יעדע** מענטש דארף זיך אראפלערנען פון א זאך וואס ער זעהט. ווען יענער טוט א גוטע זאך, לערנט מען זיך אראפ ווי שיין עס איז, איך גיי אויך אזוי טון. און אמאל דארף מען זיך אראפלערנען פארקערט, ווען מען זעהט אז מען טוט א זאך וואס איז נישט שיין, עס פאסט נישט, מען האט גערעדט אויף יענעם אז ער האט געטון א זאך וואס מען דארף נישט, לערן דיך

אראפ דערפון, אז ער האט אזוי געטון, און עס איז נישט שיין, איז א סימן אז מען דארף נישט אזוי טון. פון א ערליכען יוד לערנט זיך א מענטש אראפ ווי אזוי מען דארף זיך יא פירן, ווי שיין עס איז די וועגן פון א בן תורה. פארקערט ווען ער זעהט א רשע, און ער קוקט ווי אזוי דער רשע פירט זיך אויף, דארף ער זאגען אשרינו מה טוב חלקנו, און זיך אראפלערנען, זיך נישט צו פירן אזוי ווי יענער. די תורה רופט עס אן, ורשעים הללו, די רשעים, ראו, האבן געזעהן וואס עס פאסירט ווען מען רעדט לשון הרע, זיי האבן געזעהן וואס דער אייבערשטער האט געטון פאר מרים. ראו, אז מען זעהט, ולא לקחו מוסר, און מען לערנט זיך נישט אראפ דערפון, איז א עוולה. יעדע זאך וואס א מענטש זעהט א דבר טוב, דארף ער זיך אראפלערנען אזוי צו טון. ווען דו זעהסט אז דיין חבר טוט א זאך וואס מען דארף נישט אזוי צו טון, לערן דיך אראפ דערפון, איך גיי נישט אזוי טון, ווייל עס איז נישט שיין ווען מען טוט אזוי. און דאס איז געווען די ראו ולא לקחו מוסר וואס איז געווען ביי די מרגלים.

**איך** בין געווען היינט מנחם אבל זיין ביי א משפחה, און ווען איך בין אריינגעקומען, זאגט מיר איינער פון די אבלים, איך האב פראבירט צו רופן דעם וויענער רב שוין אפאר מאל, און עס איז מיר נישט אויסגעקומען אז איך זאל קענען צוקומען, אבער **איך וויל איבערגעבן א גריס פון די ישיבה. די בחורים זענען געווען ביי מיר פורים ביינאכט, און עס זענען געווען אסאך ישיבות, ווי אזוי די בחורים האבן זיך אויפגעפירט איז געווען א פראכט, אז דער ווינער רב קען זיין שטאלץ מיט די בחורים.** - דאס איז טייטש ראו ולקחו מוסר, אסאך מאל כאפט מען זיך נישט ווי אזוי אנדערע קוקען ענק אן. א בן תורה קוקט מען אן מיט אנדערע אויגן, און מען זאגט, אז א בחור קען אזוי טון, איז עס אנגענומען אזוי צו טון. און ווען ער זעהט אז ער האט געטון א זאך וואס מען דארף נישט צו טון, בארעדט מען אים. א מענטש דארף וויסן שטענדיג, אז ער איז א סעמפ"ל פאר בני תורה. א בחור וואס זיצט און לערנט אין ישיבה, פון ווען ער טרעט ארויס אויף די גאס, האט ער א אנדערע הלכה פון ווען ער געפונט זיך אינעווייניג. ער דארף ביי א יעדע זאכען קוקן, ווען איך גיי אריין אין בית המדרש דאווענען, ווי אזוי זעהט אויס א בחור ווען ער דאווענט, ווען ער רעדט צום חבר, ווי אזוי ער פירט זיך אויף, אויף די גאס, צו ער איז ווילד צו ער איז רואיג, די אלע זאכן מאכען א רושם. מענטשען וואס זענען עלטער טוען עס באטראכטן, און לויט דעם טוען זיי אפשאצן דעם בחור. ווען מען פרעגט אינפארמעישא"ן אויף א בחור, פרעגט מען נישט אזוי ווייט אויף די חברים, נאר וואס טוט ער אין בית המדרש, ווי אזוי זעהט ער אויס, ווי אזוי ער לערנט, ווי אזוי ער דרייט זיך, ווי אזוי ער פירט זיך אויף, דאס איז די חשיבות צו וויסן וואס א בן תורה איז. און ביי יעדע זאך ראו ולקחו מוסר, ווען דו זעהסט עפעס, לערן דיך אראפ דערפון. ווען דו זעהסט א דבר טוב, לערן דיך אראפ זיך אזוי צו פירן. און ווען דו זעהסט א זאך וואס איז נישט גוט, לערן דיך אראפ אז אויף דעם וועג גייט מען נישט.

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה, והתפלל תפלת מנחה, ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**.

לפנות ערב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל **הגה"צ רבי יצחק הערשקאוויטש שליט"א** דומ"ץ קלויזענבורג, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה (אלמנת הגה"צ רבי פישל הערשקאוויטש זצ"ל אבד"ק האליין, ודומ"ץ צאנז קלויזענבורג).

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**דומ"ץ קלויזענבורג:** מיין מאמע איז געווען א אייניקל פונעם **שבילי דוד**, דער **ווייטצענער רב**. זי איז געווען א טאכטער פון **רבי בנציון זילבערשטיין**, וואס איז געווען א זון פונעם שבילי דוד.

**רבינו:** איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז דער שבילי דוד איז ארויפגעפארן קיין ארץ ישראל, און ער האט געוואוינט אפאר יאר אין ארץ ישראל, און נאכדעם איז ער צוריקגעקומען קיין אונגארן. און עס איז געווען א גרויסער חידוש. סיי זיין פארן איז געווען א חידוש, און אז ער איז שוין דארט געווען, פארוואס איז ער צוריקגעקומען. די וועלט זאגט אז ער איז צוריקגעקומען ווייל ער האט געזעהן אז זיין זון רבי ישעי', דער **מעשי למלך**, וואקסט א עילוי, און ער האט פארשטאנען אז אין ארץ ישראל וועט ער פארוואסערט ווערן, און ער וועט נישט קענען אויפטון וואס ער טוט אויף אין אונגארן, וועגן דעם איז ער צוריקגעקומען. איך האב געהערט פון מיין טאטע ז"ל אז דער שבילי דוד האט זיך געטראפן אמאל מיטן **קול אריה**, און דער קול אריה האט אים

געזאגט, אז די וועלט חידוש'ט זיך, אז איר זענט געפארן קיין ארץ ישראל, און נאכדעם זענט איר צוריקגעקומען. האט דער קול אריה געזאגט, פאר מיר איז עס נישט קיין קשיא. געפארן זענט איר ווייל אוירא דארץ ישראל מחכים (ב"ב קנח:). ווען איר זענט אנגעקומען אהין, זענט איר געקומען צום שכל, אז דא איז בעסער, וועגן דעם זענט איר צוריקגעקומען.
עס איז געווען א יוד וואס האט געדאווענט ביי אונז אין בית המדרש (בבית המדרש סאמבאטהעלי), ער האט געהייסען ר' אברהם מענדלאוויטש, ער איז געווען זייער נאנט מיטן טאטען (הגה"צ אב"ד האליין זצ"ל), פון די שטאט מונקאטש. זיי האבן פלייסיג געלערנט צוזאמען, און גע'חזר'ט צוזאמען.
**דומ"ץ קלויזענבורג:** ר' אברהם מענדלאוויטש האט מיר פארציילט, אז זיי האבן זיך פארהערט צוזאמען אויסענווייניג מסכת חולין, ביי די צוועלף יאר. און ער האט מיר געזאגט, ווי אזוי זיי האבן זיך פארהערט. וואו איז דער ערשטער ואם תאמר, וואו איז די ערשטע ואיבעית אימא, וואו איז דער ערשטער אמר אביי, אזוי האט מען פארהערט גאנץ מסכת חולין.
**רבינו:** ר' אברהם האט מיר פארציילט, אז ער האט נאכדעם געלערנט ביי מיין זיידע אין סערדאהעלי, ווען ער איז אנגעומען אהין האט ער שוין געהייסען גאר א גוטער בחור. און איינמאל פרייטאג צו נאכטס פרעגט אים דער זיידע, וואס איז תוספות קשיא אין חולין דארט און דארט, האט ער געזאגט. האט ער אים געפרעגט, וואס איז תוספות תירוץ. האט ער נאכגעזאגט די צוויי תירוצים פון תוספות. אבער ער האט פארטוישט דעם צווייטען תירוץ פארן ערשטען. האט אים דער זיידע געזאגט, דו דארפסט שוין איבער'חזר'ן... אז מען האט פארטוישט דעם צווייטען תירוץ פארן ערשטען, דארף מען שוין איבער'חזר'ן.
פארוואס זעהט מען נישט היינט אזעלכע קינדער?
**דומ"ץ קלויזענבורג:** מען חזר'ט נישט אזויפיל.
**רבינו:** אן חזר'ן, אפילו נאר אפלערנען אזויפיל. מען זאל נאר איין מאל לערנען אזויפיל, אן חזר'ן. וועלכע קינד קען היינט ביי די צוועלף יאר מסכת חולין. אפילו נאר אדורכגעלערנט.
**דומ"ץ קלויזענבורג:** דאס אז מען הייבט אן שפעט צו לערנען גמרא אין די היינטיגע חדרים. ווען איך האב געלערנט מיט מיינע קינדער, האט מיין טאטע מיך געפרעגט וויפיל מען לערנט. און איך האב אים געזאגט, אביסל חומש מיט רש"י. און ער האט זיך אזוי געוואונדערט, אזוי ווייניג גמרא, א יונגעל פון זיבן אכט יאר. דאס אלעס גמרא, מען האט געלערנט א האלבע עמוד, ער האט עס נישט פארנומען, ווער איז דער מלמד? אזוי ווייניג גמרא מיט די יונגלעך. האק ארייין אין זיי.
**רבינו:** ספי ליה כתורא (בבא בתרא כא.).
**א' מהנוכחים:** אין בארא פארק איז דא אסאך פלעצער ווי מען הייבט אן צו לערנען גמרא מיט די קינדער הערשט ביי די ניין יאר.
**דומ"ץ קלויזענבורג:** סתם אזוי תורה איז דא יעצט אסאך אויף די וועלט.
**רבינו:** יא, אבער דאס אז יונגע קינדער זאלן קענען תופס זיין וויפיל מען האט אמאל געקענט. אפילו וויפיל מען האט אמאל געקענט אין אמעריקא, אפילו דאס איז אויך נישט דא. אפילו וואס אונז האב מיר געלערנט אין חדר דא, קומען זיי אויך נישט אן.
**דומ"ץ קלויזענבורג:** אונז האב מיר געלערנט פערציג בלאט א זמן.
**רבינו:** אונז האב מיר געלערנט צוויי בלאט גמרא תוספות יעדע וואך. דאס איז געווען די נארמאלע סדר.

*

כמו כן הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת פעקעטע שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **אלי' שאול פעקעטע** ע"ה).

לפנות ערב הגיע **הגה"צ רבי אברהם יונה שווארץ שליט"א** גאב"ד ווינא עסטרייך לביקור אצל **רבינו שליט"א.**

***מתוך השיחה:***
**רבינו:** וואס טוט זיך עפעס אין וויען.
**גאב"ד ווינא:** ב"ה עס איז געווארן א חסידישע שטעטל.
**רבינו:** די קהלה ווערט גרעסער, עס קומען צו יונגעלייט?
**גאב"ד ווינא:** יא ב"ה.
**רבינו:** פרנסות איז גרינג דארט?
**גאב"ד ווינא:** היינט איז די עיקר ריע"ל עסטעי"ט וכדומה.
**רבינו:** מען שרייבט נאך?
**גאב"ד ווינא:** איך האף ארויסצוגעבן בקרוב נאך א חלק שאלות ותשובות (**שו"ת אבני ברזל**).
**רבינו:** די ספרים ביז יעצט זענען זייער שיין.

**גאב"ד ווינא:** איך האב יעצט געזעהן אין ספרים געשעפט די ספרים פונעם פעטער דער **ויגד משה**, אז עס איז ארויסגעקומען א נייע באנד, אוצר ענינים. עס איז געבליבן פון אים אזויפיל כתבים. פרקי אבות זאגט איך כמעט יעדע וואך נאך פון אים. איך זאג עס בשמו, ווייל ער איז אוועק על קידוש ה'.

**רבינו:** עס איז דא פון אים (בכת"י) תשובות אויף אורח חיים צוויי בענדער, אויף יורה דעה דריי בענדער, און אויף חושן משפט, און אבן העזר. (כהיום באמצע עריכה, ויופיע לאור בקרוב אי"ה).

**גאב"ד ווינא:** ער איז דאך אוועק אלץ יונגערמאן, וואו האט ער אנגעיאגט אזוי סאך.

**רבינו:** ער איז אלט געווען זיבן און דרייסיג יאר.

**גאב"ד ווינא:** דאס הייסט אז ער האט חתונה געהאט שפעט. ער איז געווען דעם פאפא רב'ס איידעם.

**רבינו:** ער האט חתונה געהאט ביי די פיר און צוואנציג אדער פינף און צוואנציג יאר.

**גאב"ד ווינא:** מען האט זיך געמוטשעט מיט שידוכים פארן קריג.

**רבינו:** זי איז נישט געווען א געזונטע.

**גאב"ד ווינא:** עס איז א אינטערעסאנטע זאך. דער **מנחת יצחק** איז אויך אזוי געווען. ער האט קוים געקענט האבן דעם איינציג קינד.

**רבינו:** נפלאות הבורא.

**גאב"ד ווינא:** דער מנחת יצחק איז געווען נאנט צו די דרייסיג יאר ווען ער האט חתונה געהאט. זיין פאטער, רבי **יוסף לייב**, האט געוואלט טון מיט אים א שיינעם שידוך. זיין פאטער איז געווען א קאפ שטיק, ער האט געפירט גרויסע דין תורות.

**רבינו:** פון אייער ספר (הליכות חנוך) פון **רבי העניך [פאדווא זצ"ל גאב"ד לונדון]**, האב איך גרויס הנאה געהאט. עס איז דא אין דעם אסאך שיינע זאכען, וואס עס וואלט פארגעסן געווארן, ווען מען שרייבט עס נישט אראפ.

**גאב"ד ווינא:** אזוי איז ער געווען א באהאלטענער, ער איז געווען א גאליציאנער, אבער ווער עס האט זיך געדרייט אין שטוב, האט געקענט נאשן.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**רבינו:** לחיים. מען איז דאך געקומען אויף א שמחה, דער באשעפער זאל העלפן, מען זאל זעהן אסאך יודיש נחת ביי אלע קינדער און אייניקלעך. מען זאל קענען מרביץ תורה זיין מיט נחת און הרחבת הדעת, און אלעס זאל גרינג אנקומען.

**גאב"ד ווינא:** אמן. דער רבי זאל קענען טראגען דעם שווערן עול בניקל.

**גאב"ד ווינא הזמין את רבינו שליט"א להשבע ברכות של נכדו. רבינו שליט"א נתן לו הספר ויגד משה על ענינים, וליוהו בדרך צאתו, ונפרדו לשלום**

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לביתו החדש של הר"ר **משה זיידענפעלד** הי"ו. **רבינו שליט"א** קבע מזוזה, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבני המשפחה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי **באור החיים הק'**, בבית מדרשנו זכרון יהודה.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף אצל השבע ברכות של בן **הרה"ג רבי יוסף מאיר שווארץ שליט"א** (דומ"ץ יגל יעקב מישקאלץ, בן הגה"צ גאב"ד ווינא עסטרייך שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי שרגא צבי הירש שמילאוויטש שליט"א**, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***__עש"ק פרשת שלח__***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **שלמה האפפמאנן** הי"ו.

*

***__שבת קודש פרשת שלח__***

בזמן הדלקת הנרות חבש **רבינו שליט"א** הקאלפיק לנכדו הבחור בנש"ק **ישראל** נ"ו, בן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בקריאת התורה עלה הבחור בנש"ק **ישראל** נ"ו, בן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** למפטיר, לכבוד הבר מצוה.

בצפרא דשבתא אחר התפלה עלה **רבינו שליט"א** לבקר אצל הר"ר **שמחה פריעדמאן** הי"ו.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **יעקב שלעזינגער** נ"ו, חתן הר"ר **משה נפתלי טענענבוים** הי"ו.